פולע טאַבעלע פֿון דער מלוכה-לאָטעריע זעה זייט 14.

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 268 | Łódź, Piątek, 18 listopada 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י״ט מרחשון תרצ״ג | № 268 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. :אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע

## יודיש טעאטער פילהארמאניע

אנפיהרונג: א. בעזמאן און א. שטאקפעדער

היינט, פרייטאג 9 אוועד היינט, פרייטאג

# גראנד = טעאטער = אוונט
יעדער

## נאר איין מאל!
אין היינטיגען ווינטער-סעזאן

# אזא גרויסע
# טעאטראלע פאלקס-פערוויילונג

עס ווערט געשפילט:

1) דער געקויפטער חתן

קאמעדיע אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ

2) דאס חזנ׳דל — 2-טער אקט.

3) ליד און טאנץ

קאנצערט-קאנקורס:

רעגינא צוקער: 1) יוסל... 2) 7 גוטע יאהר.
3) איך דאנק דיר גאטעניו.
4) א יודיש יונגעל—פון דוד בייגעלמאן.

הערמאן פעניגשטיין: 1) א חזנ׳דל אויף שבת.
2) אל תשלכינו מלפניך.
3) אף ברי. 4) אהבת עולם.

בערטא זאסלאווסקא: פאלקס-לידער.

לעאן געטליכערמאן: ראמאנסען.

עווא שטאקפעדער און אייזענבערג:
קאמישע דועטען.

ליזא שלאסבערג: מאדערנע טאנגאס.

יוסף נייווירט: סופלעטען.

אנסאמבל:

די בעריהמטע סובריטעט

## רעגינא צוקער

בעריהמטער ארטיסט און זינגער

## הערמאן פעניגשטיין

בערטא זאסלאווסקא,
עווא שטאקפעדער,
ליזא שלאסבערג,
סאניא בעזמאן,
לעאן געטליכערמאן,
קארל צימבאליסט,
אהרן אייזענבערג,
יוסף נייווירט,
דוד האמבורגער.

רעזשיסער: ק. צימבאליסט. דירינענט: ל. זעלמאן.
טעכנ. לייטונג: ק. גוטמאן. סופלער: מ. אייזענבערג.

**פאספארטוס און פרייקארטען אונבעדינגט אונגילטיג.**

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.





# א לאדזער מאנופאקטור=קראם



וואס ס'ליגט אין דער קאסע, און וואס אויף די פאליצעס.

# שטעכווערטלעך

## צייטונגס=ידיעות מיט א פירוש פון „קונדס"

דער ניו־יארקער מאגיסטראט לעבט איצט איבער א שטארקן קריזיס.

דער ניו־יארקער מאגיסטראט האט איצט איין עצה: זיך ווענדן וועגן אן הלוואה צום לאדזשער מאגיסטראט.

---

א היגער יונגער דיכטער האט די טעג חתונה געהאט.

מ'שמועסט דערום, אז אזוי ארום האט ער פארצווייפלטער די צאהל לעזער פון זיינע לידער.

—=(:o:)=—

# דאס פערד קען נאך בריקעווען!

## אן איינפאל פון א דראשקאזש

א דראשקאזש קומט אין דער אפטייק אריין נאך צוויי מעדיצינען: איינע פאר'ן ווייב, און א צווייטע פאר'ן פערד.

— פאניע אפטייקער, זאגט דער דראשקאזש צום אפטייקער, שרייבט נאר אויף ווייזשע, וועלכע לעקארסטווע ס'איז פאר מיין ווייב, און וועלכע פאר'ן פערד, ווארום טאמער וועט דאס פערד נעמען מיין ווייב'ס לעקארסטווע, קען עס נאך חלילה אנהייבן צו בריקעווען...

—=(:o:)=—

# ביים דאקטאר

## די פאציענטקע און די פאני דאקטאראווע

צו א היגען דאקטאר קומט אריין א פרוי.

— איז דער דאקטאר אין דער היים?

— ניין, דער דאקטאר איז איצט אין פאזנאנסקי'ס שפיטאל — האט די דאקטאראווע געענטפערט.

— קען איך צווארטען?

— ביטע זעהר.

— א דאנק, זענט איהר דעם דאקטאר'ס מאמע?

— ניין, די פרוי.

— די פרוי?.. שוין לאנג זענט איהר פערהייראט?

— ניין יאהר.

— ניין יאהר? און קינדער האט איהר?

— ניין.

— קיין איינס נישט?

— קיין איינס נישט.

— דאווידזעניא — האט זיך די פאציענטקע אויפגעבלאזט און זיך געלאזט צו דער טיר.

— אבער וואו לויפט איהר, דער דאקטאר קומט דאך באלד.

— ער וועט מיר סיי ווי גארנישט העלפען.

— פון וואנען ווייסט איהר דאס? — האט זיך די דאקטאראווע געוואונדערט.

— איך בין מיך געקומען בעטען מיט'ן דאקטאר, וואס איך זאל טון, וואס איך האב 5 יאהר נאך דער חתונה נישט קיין קינדער, או ער האט אייך נאך 9 יאהר נישט פארהאלפען, וועט ער מיר נאך 5 יאהר פארהאלפען? — האט די פאציענטקע געענטפערט.

---

# רעד צו דער וואנד און מיין די רביצין

## דער קלוגער רבי און דער נאר קלוגערער תלמיד

א פראווינצער חסידישער בחור האט געלעבט אין לאדז ביי א רבי. דער בחור האט אויך ביים רבין געהאט קעסט.

צום מיטאג, האט זיך דער בחור געוואשען, זעהענדיג אז ס'איז נישטא קיין זאלץ אויפ'ן טיש, האט ער גערעדט אין דער וואנד אריין: נו. מלח, מלח.

דער רבי, וועלכער האט געהאט א שטיקעל חשד, אז דער בחור האט א „טריפקע" צו דער יונגער שעהנער רביצין, האט זיך אנגערופען צו איהם:

— הודי'ל, צו וואס רעדסטו צו דער וואנד, און דו מיינסט די רביצין, רעד בעסער צו דער רביצין, און מיין די וואנד!...

---

# א ברויערי זוכט דיך!..

## א נייע ווארשעווער קללה

נאך דער קאטאסטראפע אין האבערבוש'ס ברויערי, געהט איצט אין ווארשא ארום א קללה: — א ברויערי זוכט דיך!..

---

# נאכ'ן באנקעט

## אין א היגען רעסטאראן

— וואס ביזטו היינט אזוי צעקארקעוועט?

— כ'בין געווען געווען אויף א באנקעט.

— נו, האט מען געגעבען צו אכלען?

— יא, אבער...

— וואס אבער?

— ווען די זופ וואלט געווען אזוי ווארים ווי ס'ביער, און ווען דער עסיג וואלט געווען אזוי זויער ווי דער ווין, און דער ווין אזוי אלט ווי ס'געבזענס, און ס'געבזענס אזוי פעט ווי די רעסטאראטארקע, וואלט דאס עסען געווען זעהר געשמאק.

---

# בעריהמעריי

## דריי זעלנער זיי געזעסען

זאגט איינער: איך האב א פעטער א דעפוטאט, יעדער גיט איהם אפ כבוד.

זאגט דער צווייטער: און איך האב א שוואגער א דירעקטאר אין אן אקציען־געזעלשאפט, און אלע רופען איהם — פאניע פרעזעס.

זאגט דער דריטער: און איך האב א ווייב, וועלכע מאבספערשוין זי זעהט, זאגט זי צו איהם — „מאי קאכאני".

---

# דער פארזיכטיגער לאדזער באנק-דירעקטאר

א דירעקטאר פון א היגער באנק, האט מען די טעג צווויסען געגעבען, אז דער קאסירער איז פלוצלינג קראנק געווארען.

— גיך, האט דער דירעקטאר געזאגט, זאל מען צושיקען א דאקטאר, און טעלעגראמען צו די גרעניצען...

---

# איז באלוט

## צווישען ווייבער

ערשטע פרוי: וואס הערט זיך, גיטעלע, איהר מאן האט שוין בעקומען ארבייט?

צווייטע: יא, נאך יענע וואך, ער שרייבט שוין אפילו.

---

# א קינדערישע תפלה

זאל גאט געבען, אז דער טאטעשי און די מאמעשי און די גאנצע משפחה זאלען זיין געזונד און שטארק, און אז דער לעהרער פון געאגראפיע זאל מארגען ליגען אויף א גריפע.

---

# א דאנק

זאג מיר, הערשעלע, וואס מאכט דיין רייכער פעטער בעטע?

— א דאנק, שוין געשטארבען.

—=(:o:)=—


# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 268

פרייטאג, דעם 18 נאוועמבער 1932


# ווער פון זיי איז דער אייזעל




?

א לאדזער בילדעל אין יאהר 1932



אויבען רעכטס: טרויער־אקאדעמיע אין בערלין נאך די געפאלענע דייטשע סטודענטען.



אינדערזייט רעכטס: דער דייטשער פליהער ארום דער וועלט וואלפגאנג גראנאו (דער ערשטער, רעכטס זיצט), איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע.





אונטען רעכטס: דער נייער פרעזידענט פון די פער־אייניגטע שטאטען. לינקס — דער 15־יעהריגער רוזוועלט ( - ) אלס פיהרער פון א פוסבאל־מאנשאפט



אויבען; שרפה פון א גרויסען האלענדישען דאמפער



אינדערמיט: דער בעריהמטער דייטשער דיכטער גערהארד הויפטמאן, וועלכער איז אלט געווארען זיע־בעציג יאהר.







אויבען לינקס: אין בערלין איז געעפענט געווארען דער ערשטער דייטשער מוזעי פון לופט־פליה־ווענען



אינדערזייט לינקס: דער נייער פרעמיער פון אונגארן געמבעס, צו זיין בעזוך אין רוים.

אונטען לינקס: דער ערשטער בעזוך פון א דייטשער קריגס־שיף אין אמעריקא.



אונטען אינדערמיט: א פעריקויפערין פון ליאלקעס אין א געשעפט פון קינדער־שפילצייג.







אויבען רעכטס: די לויה פון סטאַלינס פרוי נאַדיעזשדאַ אַלילויעוואַ, וועלכע איז געשטאָרבען אין עלטער פון 31 יאָהר.

---

אויבען אינדערמיט: אַ מינוט שווייגען ביים קבר פון אומבעקאַנטען זעלנער אין לאָנדאָן אין טאָג פון וואַפען־שטילשטאַנד. ( ) דער ענגלישער קעניג.

---

אונטער־זייט רעכטס: דאָס אַלטע ראַטהויז אין לאַזאַן, וואו ס'האָט אויפגעריסען אַ באָמבע, זע ע' פינף פערזאָן כעוואונדעט געוואָרען.

---

אינדערמיט לינקס: דער בעקאַנטער בערלינער אַדוואָקאַט ד"ר פריי איז איינגעלאַדען געוואָרען אַלס פראָפעסאָר אויף דער אוניווערזיטעט אין שאַנכאַי.

---

אונטען רעכטס: זעלנער מיט מאַשינען־געווערען אויף די גאַסען פון גענף.

---

אונטען אינדערמיט: דער ביידער איז־האָקיי־סטאַדיאָן אין פראַג.



















אויבען לינקס: צו די גרויסע שפּינאָזאַ־פייערונגען צום 300־טען געבורטסטאָג פון פילאָזאָף. רעכטס: פּאָרטרעט פון ברוך שפּינאָזאַ. לינקס: דאָס הויז, וואו שפּינאָזאַ איז געבוירען געוואָרען אין אַמסטערדאַם.

---

אינדערמיט לינקס: די רעטונגס־אַרבייטען נאָך דער קאַטאַסטראָפע אין קויהלען־גרובען גאָרסוואָד (ענגלאַנד).

---

אינדערמיט לינקס: דער אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר פון כעמיע — לאַנגמיר, האָט בעקומען דעם נאָבעל־פּרייז פאַר'ן יאָהר 1932.

---

אונטען לינקס: וואונדער פון דער טעכניק. אַ שיף־ווינדע, וואָס איז אויסגעבויט ביי ניעדער־פינאָוו אין דייטשלאַנד. די ווינדע טראָגט אַריבער אַ שיף פון איין קאַנאַל אין צווייטען.

